**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט איבער 62 מיליאן דאלער באשטעטיגט פאר קריטיש-וויכטיגע אפפאל-וואסער און טרונק-וואסער סיסטעם פארבעסערונגען

***פראיעקטן געפונען זיך אין קאפיטאל ראיאן, מיטל-הודסאן און מערב ניו יארק ראיאנען***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז דער ׳ענווייראנמענטאלע אייגריכטונגען קארפאראציע׳ האט באשטעטיגט איבער 62 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פאר קריטיש-וויכטיגע טרונק-וואסער און מיסט-וואסער סיסטעם פארבעסערונגען. די קורץ-טערמיניגע פינאנצירונג פעקלעך, אריינגערעכנט פריער אויסגעמאלדענע גרענטס באשטעטיגט דורכ׳ן באָורד, וועט באזארגן די קאפיטאל נייטיג דורך צוויי מוניציפאליטעטן און א פובליק אויטאריטעט אויף אונטערצונעמען זייערע וואסער אינפראסטרוקטור קאנסטרוקציע פראיעקטן מיט אפגעשאצטע סך הכל קאסטן פון איבער 84 מיליאן דאלער, אויף צו באשיצן פובליק געזונטהייט און דער ענווייראָנמענט.

״די געלטער זענען קריטיש-וויכטיג אויף צו שטיצן ניו יארק׳ס וואסער קוואליטעט צילן דורך צושטעלן ארטיגע קאמיוניטיס מיט הילפס-מיטלען אויף צו אָפּגרעיד׳ען און אויסהאלטן קריטיש-וויכטיגע מיסט-וואסער און טרונק-וואסער סיסטעמען,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צוזאמצוארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער אין ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו פארזיכערן אז קאמיוניטיס אין יעדן גרויסקייט קענען אינוועסטירן אין וואסער אינפראסטרוקטור, אונטערצינדן דזשאָב שאפונג און עקאנאמישע אויפשטייג און גלייכצייטיג באשיצן פובליק געזונטהייט און פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט אין די קאמיוניטיס.״

די באוויליגונג דורכ׳ן באורד רעכנט אריין פינאנצירונגען דורך דער ׳ריינע וואסער סטעיט ריוואָלווינג פאָנד׳ (CWSRF) און ׳טרונק-וואסער סטעיט ריוואָלווינג פאָנד׳ (DWSRF) און גרענטס פריער אויסגעמאלדן אין איינקלאנג מיט דער ׳וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג׳ (WIIA) גרענטס פראגראם. באזוכט EFC׳ס [וועבזייטל](https://www.efc.ny.gov/) אויף זיך צו לערנען מער איבער וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג מעגליכקייטן.

דער באָורד האט באוויליגט גרענט און פינאנצירונג פעקלעך פאר צוויי מיסט-וואסער פראיעקטן:

- באפעלאו סוער אויטאריטעט אין ערי קאונטי - 45.9 מיליאן דאלער צו אָפּגרעיד׳ען די צווייטנסטיגע באהאנדלונג סיסטעם ביי דעם ׳בוירד איילענד מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק׳. דער גרענט און פינאנצירונג פעקל אנטהאלט 9,054,768 דאלער אין WIIA גרענט, 9,054,768 דאלער אין פעדעראלע גרענט אדער הלוואה פארגעבונג, 19,901,107 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, ריבית-לאזע פינאנצירונג, און 7,837,947 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, מארקעט-ראטע פינאנצירונג.

- וואשינגטאן קאונטי - 1,630,400 דאלער WIIA גרענט און 12,836,201 דאלער אין קורץ-טערמיניגע, ריבית-לאזע פינאנצירונג צו אַפּגרעיד׳ען דעם סוּער דיסטריקט נומער 2 מיסט-וואסער באהאנדלונגס פאבריק.

א 1,710,000 דאלערדיגע WIIA גרענט איז אויך גוטגעהייסן געווארן פאר דער שטאט יאנקערס אין וועסטשעסטער קאונטי. דער גרענט וועט שטיצן אן אומגעפער 2.7 מיליאן דאלערדיגן טרונק-וואסער פראיעקט צו אינסטאלירן 2,000 פיס פון הויפט-וואסער רער און פארבינדענע אויסריכטונגען לענגאויס ווארבורטאן עוועניו, לאמארטין עוועניו און אשבורטאן עוועניו אויף צו אינערליך באהעפטן דער שטאט׳ס הויכע און נידעריגע פרעשוּר זאָונס.

**׳ענווייראנמענטאלע איינריכטונגען קארפאראציע׳ פרעזידענטקע און CEO מאורין עי. קאולמאן האט געזאגט,** ״די היינטיגע אויסמעלדונג איז א גלענצנדע ביישפיל אויף וויאזוי א צוזאמארבעט צווישן סטעיט און ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן קענען גארווירקליך אויסמאכן אין די לעבנס פון ניו יארקער. א דאנק די שווערע ארבעט פון גאווערנער האוקול און אונזער לעגיסלאטיווע און מוניציפאלע צוזאמארבעטער, קענען קאמיוניטיס אונטערנעמען פראיעקטן וועלכע ערזעצן פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן אונזערע וואסערן.״

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער און EFC פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״די געלטער זענען קריטיש-וויכטיג אויף צו פארזיכערן אז נייטיגע אָפּגרעידס ווערן געמאכט צום סטעיט׳ס ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט און אנטשלאסנקייט צו באשיצן ניו יארק׳ס וואסער קוואליטעט און רעקארד אינוועסטירונגען אונז צו העלפן עררייכן אונזערע צילן, שטאלצירט זיך DEC צו ארבעטן מיט EFC אין אפירברענגען די וויכטיגע פראיעקטן אויף אויסצוהאלטן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס, ענווייראָנמענט און עקאנאמיע.״

**סטעיט סעקרעטאר ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״דאס צושטעלן ריינע און זיכערע טרונק-וואסער איז איינע פון די מערסט קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וואס ניו יארק קען צושטעלן מוניציפאליטעטן לענגאויס דעם סטעיט. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר אנהאלטן איר אנטשלאסנקייט צו מאדערניזירן און איבערבויען מיסט-וואסער און טרונק-וואסער סיסטעמען וועלכע זענען נייטיג פאר פובליק געזונטהייט, פאר דער עקאנאמיע און פאר קאמיוניטיס אין יעדן ווינקל פון דעם סטעיט.״

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט** ״ריינע טרונק-וואסער און געזונטהייט יושר גייען האנט-ביי-האנט און ניו יארק סטעיט ארבעט מיט פלינקקייט אינאיינעם מיט ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צוצושטעלן באדייטנדע סומעס געלטער פאר טרונק-וואסער אָפּגרעידס אין די קאמיוניטיס וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע. איך מוטיג ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן, איבערהויפט די אין ענווייראנמענטאלע יוסטיץ קאמיוניטיס, זיך צו ווענדן פאר סטעיט געלטער אויף צו העלפן פארלייכטערן די קאסטן פאר די קריטיש-וויכטיג פובליק געזונטהייט אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

**ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק האלטן אן ווייטער העכערן אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. אין אפריל, האט גאווערנער האוקול [אויסגעמאלדן](#) 638 מיליאן דאלער אויסגעטיילט דורך EFC פאר קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט צו פינאנצירן ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן.

אונטער דער פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, האט דער דורכגעפירטער בודזשעט אנטהאלטן נאך 500 מיליאן דאלער אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגנדיג דעם סטעיט׳ס סך הכל

ריינע וואסער אינוועסטירונג צו 4.5 ביליאן דאלער זינט 2017. עס טוט אויך אויטאריזירן נאך 1.2 ביליאן דאלער, פאר א סה״כ 4.2 ביליאן דאלער פאר דעם היסטארישן ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאלע באָנד׳ געזעץ. דער היסטארישער איניציאטיוו, אויף וועלכע ווײלער וועלן שטימען שפעטער דעם יאר, וועלן צושטעלן ניו יארקער געברויכן צו באזארגן זיכערע וואסער צו טרונקען, אינוועסטירן אין קריטיש-וויכטיגע וואסער אינפראסטרוקטור, אויפריכטן ענווייראנמענטאלע באשעפעניש וואוין-ערטער, רעדוצירן פלייצונג ריזיקעס און אפהיטן אונזערע אפן-לופטיגע ערטער און ארטיגע פּאַרמס. עס וועט אויך ערמעגליכן דאס אינוועסטירן אין קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג פראיעקטן וועלכע וועלן רעדוצירן לופט פארפעסטונג, נידערן קארבאן עמיסיעס און פארבעסערן די פעאיגקייטן פון ניו יארקער קאמיוניטיס צו קעגנשטיין די קלימאט-געטריבענע העכערונג און שווערע וועטער אומשטענדן און פלייצונגען. דער באָנד אקט וועט אויך שטיצן א באדייטנדע אינוועסטירונג אין דער ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו וואס וועט דערגרייכן יעדע פובליק סקול וואס געפונט זיך אין אן אומגינציגע קאמיוניטי.

אין צוגאב צו דעם ׳ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאָבס ענווייראנמענטאל באָנד׳ געזעץ, אנטהאלט דער בודזשעט א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד צו שטיצן קלימאט ענדערונג לינדערונג און צופאסונג באמיאונגען, פארבעסערן אגריקולטורעלע מיטלען צו שטיצן שטאנדהאפטיגע אגריקולטור, באשיצן אונזערע וואסער קוועלער, ווייטער פירן קאנסערוואציע באמיאונגען, און צושטעלן פארוויילונגס מעגליכקייטן פאר ניו יארקער.

**ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן וועט געמוטיגט זיך צו באטייליגן אין ריינע וואסער-אפשיידן נויטיגט זיך אין אן סורוועי**

EFC מוטיגט מוניציפאליטעטן זיך צו באטייליגן אין דעם ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור (EPA) ׳ריינע וואסער-אפשיידן געברויכן אנקעטע׳, וועלכע איז איינגעפירט געווארן דורכ׳ן EFC אום מערץ 1. אנטיילנעמען איז קריטיש-וויכטיג, וויבאלד עס קען אפעקטירן וויפיל פעדעראלע ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד פינאנצירונג וועט ווערן צוגעטיילט צו ניו יארק סטעיט צו פינאנצירן צוקונפטיגע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. מוניציפאליטעטן ווערן געבעטן גרייט מאכן דאקומענטן איבער זייער קאמיוניטי׳ס מיסט-וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן אויף ארייַנצוגעבן צו EPA. גייט צו [www.efc.ny.gov/needs](http://www.efc.ny.gov/needs) ארייַנצוגעבן באַווייז דאקומענטן און פאר הילפס-מיטלען פארבינדן מיט׳ן איינגעבן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]()